# שיחות ודברות קודש לפרשת וארא משנת תשע"ג לפ"ק

## בסעודת ברית מילה של בן הר"ר אברהם שלמה קאהאן הי"ו

יום ב' פרשת וארא תשע"ג לפ"ק

**וארא** אל אברהם אל יצחק ואל יעקב בא-ל שד-י וגו', וגם אני שמעתי את נאקת בני ישראל אשר מצרים מעבידים אותם, דער אייבערשטער זאגט, איך האב געהערט די געשריי פון יודען, וואס יודען טוען קרעכצען פון דעם וואס די מצריים ארבעטן מיט זיי, ואזכור את בריתי (שמות ו-ג), און איך וועל געדענקען מיין ברית. אין מדרש שטייט, אז ואזכור את בריתי גייט ארויף אויף ברית מילה. דער אייבערשטער וועט געדענקען די זכות פון ברית מילה וואס יודען מל'ן זיך, און אין דעם זכות וועלן זיי ארויסגיין פון מצרים.

**עס** קען זיין, אז דער ענין דערפון איז. דער **חתם סופר** (**בתורת משה** בפרשתנו יט:) שטעלט זיך, און ער פרעגט, דער אייבערשטער האט דאך געזאגט, ועבדום ועינו אותם ארבע מאות שנה (בראשית טו-יג), מען וועט זיין אין גלות פיר הונדערט יאר. און דער אייבערשטער האט מקדים געווען דעם קץ פון די גאולה, הקב"ה חשב את הקץ לעשות, ק"ץ איז הונדערט און ניינציג יאר וואס מען האט אראפגענומען פון די פיר הונדערט יאר, און מען איז נישט געווען אין מצרים מער פון צוויי הונדערט און צען יאר. די מצריים האבן דאך געהאט א שיעבוד אויף יודען פיר הונדערט יאר, ווי אזוי איז מען ארויסגעגאנגען פון מצרים פאר די צייט.

**דער** **חתם סופר** ענטפערט דערויף, אז מען געפונט אין די גמרא (יבמות מו.) אז הקדש חמץ ושחרור איז מפקיעין מידי שיעבוד. ווען איינער האט משעבד געווען א בהמה פאר א חוב וואס ער איז שולדיג, און נאכדעם איז ער געגאנגען און ער האט עס מקדיש געווען, איז דער הקדש שטערקער פונעם שיעבוד, און כאטש די זאך איז משועבד פאר יענעם, איז דער הקדש מוציא מידי שיעבוד. קומט אויס, אז אמת טאקע יודען זענען געווען משועבד צו די מצריים, אבער אזוי ווי דער אייבערשטער האט מקדיש געווען יודען, בהוציאך את העם ממצרים תעבדון את האלקים על ההר הזה (שמות ג-יב), יודען וועלן מקבל זיין די תורה. יודען זענען א עם קדוש לה' (דברים יד-ב), יודען זענען א הייליג פאלק פארן אייבערשטען, איז דער הקדש וואס דער אייבערשטער האט מקדיש געווען יודען, דאס טוט מוציא זיין מידי שיעבוד. אזוי שטייט אין **חתם סופר**.

**די** הלכה איז אבער, אז דאס וואס הקדש איז מוציא מידי שיעבוד איז נאר ווען מען איז עס מקדיש א קדושת הגוף, אבער קדושת דמים איז נישט מוציא מידי שיעבוד (עיין רש"י יבמות שם). ווען מען האט משעבד געווען א בהמה פאר יענעם, און נאכדעם איז מען עס מקדיש פאר א עולה, קומט דער הקדש און עס איז שטערקער, ווייל עס איז געקומען א קדושת הגוף אויף די בהמה. אבער ווען א מענטש האט געגעבן פאר יענעם א מארגיטש אויף זיין הויז, און נאכדעם איז ער געגאנגען און ער האט מקדיש געווען דאס הויז, זאגט מען נישט, אז דער הקדש איז שטערקער פון שיעבוד. ווייל מען איז דאך נישט מקדיש די הויז אליין, נאר די ווערד דערפון, און ביי קדושת דמים קומט די שיעבוד פריער. קומט אויס, אז דער אייבערשטער האט אונז מקדיש געווען, אז מיר זאלן קענען זיין אזא הקדש וואס זאל מוציא זיין מידי שיעבוד, מוז עס זיין א קדושת הגוף. וואס איז די קדושת הגוף ביי א יוד, אז עס זאל ווערן גערעכנט אז דער גוף אליין איז נתקדש געווארן, דאס איז דער אות ברית קודש, דער בריתך שחתמת בבשרנו. מיט דעם וואס מען איז חותם אין א קינד דעם ברית קודש, מיט דעם ווערט א קינד נתקדש פארן באשעפער.

**דער** אייבערשטער האט געזאגט, וגם אני שמעתי את נאקת בני ישראל אשר מצרים מעבידים אותם, און איך וועל זיי ארויסנעמען פאר די צייט, לכן אמור לבני ישראל והוצאתי

והצלתי וגאלתי וכו'. ווערסטו דאך פרעגן, עס איז דאך נאכנישט געקומען די צייט אז מען זאל ארויסגיין פון מצרים? איז דאך דער תירוץ, ווייל הקדש איז מוציא מידי שיעבוד. צו דעם דארף דאך אבער זיין א קדושת הגוף, ואזכור את בריתי, איך וועל געדענקן אז יודען זענען מקיים ברית מילה, וואס דאס איז דאך א קדושת הגוף אויף יודען, און מיט דעם זכות וועלן זיי ארויסגיין פון מצרים.

**מען** בעהט דאך פונעם אייבערשטען, כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות (מיכה ז-טו), אזוי ווי עס איז געווען יציאת מצרים, זאלן מיר אויך זוכה זיין ארויסצוגיין פון דעם גלות. אזוי ווי יענער גלות איז געווען ואזכור את בריתי, אין זכות פון ברית מילה זענען יודען ארויסגעגאנגען פון גלות. אזוי אויך ווען יודען זענען מקיים די מצוה פון ברית מילה, טוט דאס צוהעלפן מקרב צו זיין די גאולה.

## בשמחת בר מצוה של בן הר"ר יוסף לעפקאוויטש הי"ו

יום ג' פרשת וארא תשע"ג לפ"ק

**מען** געפונט די וואך אין די פרשה, אז דער באשעפער האט געזאגט פאר משה רבינו אז ער גייט אויסלייזען יודען, והוצאתי והצלתי וגאלתי ולקחתי אתכם לי לעם, והבאתי אתכם אל הארץ, איך וועל ענק אריינברענגען אויף ארץ ישראל, אשר נשאתי את ידי לתת אותה לאברהם ליצחק וליעקב, ונתתי אותה לכם מורשה אני ה' (שמות ו-ג), איך האב געגעבן ארץ ישראל א ירושה פון די אבות.

**דער בעל הטורים** ברענגט צו, אז עס איז דא א מסורה אויף 'מורשה', נאך איין מאל קומט פאר אין די תורה דאס ווארט מורשה, תורה צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב (דברים לג-ד). וואס אין פשטות איז די צושטעל פון ונתתי אותה לכם מורשה, אז דער באשעפער וועט אונז ארויסנעמען פון מצרים, און אונז ברענגען אויף ארץ ישראל, צו דעם פסוק אז דער אייבערשטער האט אונז געגעבן די תורה, וואס די תורה איז א מורשה. ווייל ארץ ישראל מיט תורה איז פארבינדן איינס מיטן אנדערן. ויתן להם ארצות גוים, ועמל לאומים יירשו, בעבור ישמרו חוקיו, ותורותיו ינצורו (תהלים קה-מד), מען איז אריינגעקומען קיין ארץ ישראל אין זכות פון תורה. יציאת מצרים איז געווען ווייל בהוציאך את העם ממצרים תעבדון את האלקים על ההר הזה (שמות ג-יב). די מורשה פון ארץ ישראל האט דער אייבערשטער אונז צוגעזאגט, ווען מען וועט האלטן די תורה. תורה צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב.

**וואס** איז דער ענין, אז תורה ווערט אנגערופן מורשה, די תורה איז א ירושה, די תורה איז נישט קיין ירושה, עס שטייט בפירוש אין די משנה (אבות ד-יב) התקן עצמך ללמוד תורה, מען דארף זיך צוגרייטן צו לערנען תורה, שאינה ירושה לך, ווייל תורה איז נישט א ירושה. ירושה איז, ווען עס שטארבן די עלטערן, באקומען די קינדער א ירושה, כאטש מען האט גארנישט צוגעטון צו די פארמעגן. אבער תורה איז נישט א ירושה, אויף תורה דארף מען זיך אליין פלאגען, מען דארף זיך אליין צוגרייטען צו לערנען תורה, ווייל עס איז נישט א ירושה. די תורה זאגט אבער דאך, תורה צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב, אז די תורה איז יא א ירושה.

**עס** קען זיין בפשטות וואס תורה איז א מורשה, די גמרא (בבא מציעא פה.) זאגט, אז רבי זירא האט געפאסט פערציג תעניתים, כדי ער זאל געדענקען דאס לערנען, און ער זאל עס נישט פארגעסן. נאך פערציג תעניתים האט מען אים מודיע געווען פון הימל אז לא ימושו מפיך, אז די תורה וועט זיך נישט אפטון פון אים. נאכדעם האט ער געפאסט נאך פערציג טעג, איז געקומען א הבטחה לא ימושו מפי זרעך, אז די תורה וועט זיך אויך נישט אפטון פון זיינע קינדער. האט ער געפאסט נאך פערציג טעג, האט ער באקומען א הבטחה, לא ימושו מפיך ומפי זרעך ומפי זרע זרעך (ישעיה נט-כא). האט ער ווייטער געוואלט מתפלל זיין אויף נאך דורות, האט מען אים געזאגט, אז עס איז שוין נישט וויכטיג, ווייל

טאמער איז דא דריי דורות, וואס הוא תלמיד חכם ובנו תלמיד חכם ובן בנו תלמיד חכם, שוב אין התורה פוסקת מזרעו לעולם, וועט זיך די תורה נישט ענדיגען. דו האסט מתפלל געווען, און מען האט דיר געענטפערט פון הימל, אז לא ימושו מפיך ומפי זרעך ומפי זרע זרעך, איז אמר ה', זאגט דער אייבערשטער, מעתה ועד עולם, פון יעצט וועט עס שוין בלייבען די תורה ביי ענק, עס וועט זיך נישט אויפהערן. איז דאך די תורה א מורשה. טאמער עס איז דא א טאטע מיט א קינד און א אייניקל וואס זענען אויסגעוואקסען תלמידי חכמים, איז תורה מחזרת על האכסניא שלו, גייט נאך די תורה נאך איר אכסניא.

**עס** איז מיר אויסגעקומען היינט צו זעהן אין די הקדמה פון א ספר פונעם **טענקא רב זצ"ל**, אז דער **טענקא רב** האט פארציילט, אז נאך די קריג איז ער אמאל געזעסן ביי א מושב בית דין אין רומעניא. און ער איז געזעסן צוזאמען מיטן **בראשוב'ער רב, רבי דוד שפערבער זצ"ל**, און מיטן **ניאמצער רב**, וואס איז געווען א אדם גדול, און ער האט אסאך געטון אין היתר עגונות נאך די קריג. און עס איז אריינגעקומען גאר א מאדערנער יוד, אז ער ווייסט נישט וואס עס האט פאסירט מיט זיין ווייב, און ער דארף א היתר מאה רבנים אז ער זאל קענען חתונה האבן. און מען האט אנגעהויבן אויסצופרעגן דעם יוד, ווער ער איז, ווער זיין טאטע איז, און ווער זיין זיידע איז, און ער האט געזאגט אז ער שטאמט פון דעם און דעם. ווען דער **ניאמצער רב** האט דאס געהערט, האט ער אנגעהויבן צו וויינען. יעדער האט זיך געחידוש'ט פארוואס ער וויינט. האט ער געזאגט, אזוי קוקסטו אויס? איך האב געקענט דיין טאטע, און איך האב געקענט דיין זיידען, און איך האב געקענט דיין עלטער זיידע, זיי זענען געווען תלמידי חכמים מופלגים. די גמרא זאגט דאך, לא ימושו מפיך ומפי זרעך ומפי זרע זרעך, אז אין התורה פוסקת מזרעו לעולם, ווי אזוי האבן זיי א קינד, וואס קוקט אויס אזוי מאדערן ווי דו ביסט.

**שרייבט** דער **טענקא'ער רב**, אז ער האט געזאגט פאר דעם **ניאמצער רב**, אז די קשיא איז דאך א קשיא. מען זעהט אז עס איז דא אסאך קינדער וואס זענען נישט געראטן אזוי ווי די עלטערן. עס איז דא דריי דורות און פינעף דורות תלמידי חכמים, און די תורה איז נישט געבליבן ביי די קינדער. האט ער געזאגט, אז דאס וואס די גמרא זאגט, שוב אין התורה פוסקת מזרעו לעולם, מיינט נישט צו זאגן אז אלע דורות שפעטער וועלן זיין תלמידי חכמים. נאר עס וועט נישט זיין קיין הפסק, אז עס זאל זיין אפגעהאקט, אז די תורה זאל מער נישט צוריקקומען צו די שטוב. די תורה וועט מוזן צוריקקומען אין דעם שטוב. אויב נישט ביי אים, וועט עס זיין ביי א אייניקל. און אז עס וועט נישט זיין ביי א אייניקל, וועט עס זיין ביי א אור אייניקל, די תורה וועט נישט פוסק זיין פון די משפחה. אבער עס איז נישט קיין הכרח, אז יעדער איינער פון די משפחה זאל אויסוואקסען א תלמיד חכם. האט זיך דער **ניאמצער רב** בארואיגט.

**דערציילט** נאכדם דער **טענקא'ער רב**, אז יארן שפעטער איז ער געווען אין ארץ ישראל, און א יוד האט זיך פאר אים פארגעשטעלט, און ער זאגט אים, איר האט געגעבן א היתר מאה רבנים פאר מיין טאטע. און מיין טאטע פלעגט פארציילן יעדעס יאר ביים סדר, אז ווען ער איז געגאנגען נעמען א היתר מאה רבנים, האט זיך דער **ניאמצער רב** צעוויינט, אז ער האט געקענט מיינע עלטערן, און איך קוק אזוי אויס. און דער **טענקא'ער רב** האט זיך אנגערופן, און ער האט געזאגט, אז די תורה וועט נאך אמאל צוריקקומען ביי די שטוב. זאגט אים דער יוד, איך בין דער וואס די תורה איז צוריקגעקומען, איך בין א ראש ישיבה אין די און די ישיבה, און איך בין היינט א מרביץ תורה.

**זעהט** מען, אז אמת טאקע אז תורה איז א מורשה, תורה איז א ירושה, און כל מי שהוא תלמיד חכם ובנו תלמיד חכם ובן בנו תלמיד חכם שוב אין התורה פוסקת מזרעו, אבער עס איז נישט קיין הכרח אז דער אייניקל מיטן אור אייניקל וועלן אויך אויסוואקסען תלמידי חכמים. די תורה וועט טאקע זיין א ירושה, עס וועט אמאל צוריקקומען צו דעם שטוב, עס קען אבער

זיין ערשט מיט דריי דורות שפעטער, צו מיט פינף דורות שפעטער. ממילא דארף זיך יעדער מענטש צוגרייטן צו לערנען תורה, ווייל ער האט נישט א הבטחה אז ער וועט זיין א חלק פון די מורשה, וואס ביי אים וועט בלייבן די תורה.

**ביידע** איז אמת. תורה צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב, דער אייבערשטער האט אונז געגעבן די תורה, וואס די תורה איז א מורשה, טאמער איז דא תורה ביי דריי דורות, לא ימושו מפיך ומפי זרעך ומפי זרע זרעך, אמר ה', זאגט דער אייבערשטער, מעתה ועד עולם. אבער התקן עצמך ללמוד תורה, דו זאלסט זיך אליין צוגרייטן צו לערנען תורה, ווייל שאינה ירושה לך', די ירושה איז נישט צוגעזאגט געווארן פאר דיר. די ירושה וועט זיין, עס וועט צוריקקומען די תורה אויף איר פלאץ, אבער ירושה לך, אז דו וועסט זיין דער וואס וועט עס מוריש זיין, דאס איז נישט א הכרח. און וועגן דעם, דארף מען זיך אליין צוגרייטן צו לערנען תורה.

---

## דברי תורה שנאמרו בסעודה שלישית פרשת וארא תשע"ג לפ"ק
## ונשנו בהשיעור השבועי בבית מדרשנו בבארא פארק

יום א' פרשת בא תשע"ג לפ"ק

---

**אין** יעדע פרשה געפונט מען א לימוד מוסר השכל, וואס מען דארף זיך אראפלערנען ווי אזוי זיך צו פירן. רש"י ברענגט צו די פאריגע וואך אין די פרשה (שמות ז-יט, ח-יב), אז די ערשטע דריי מכות, דם צפרדע כינים, וואס דער אייבערשטער האט געברענגט אויף די מצריים, האט משה רבינו נישט געברענגט די מכה, נאר ער האט עס איבערגעגעבן פאר אהרן, אז אהרן זאל עס טון. די איבריגע מכות האט משה רבינו אליין געברענגט. פארוואס זענען די דריי מכות געווען אנדערש. ווייל ביי די מכה פון דם, האט משה רבינו גדארפט נעמען וואסער פון דעם יאור, און עס מהפך זיין פאר דם. און משה רבינו האט נישט געקענט זיין א כפוי טובה פארן וואסער. בשעת עס איז געווען די גזירה פון כל הבן הילוד היאורה תשליכהו (שם א-כב), האט אים דער יאור מציל געווען. מען האט אים אריינגעלייגט אין א קעסטל אין דעם יאור, און עס האט אים אויפגעהאלטן, און דורך דעם איז ער געבליבן לעבן, האט משה רבינו נישט געקענט זיין א כפוי טובה פארן וואסער. די מכה פון צפרדע איז אויך געקומען דורך דעם וואס מען האט געשלאגן דעם טייך, און עס איז ארויסגעקומען די צפרדע. ביי כינים האט ער שוין נישט געשלאגן די וואסער, נאר די ערד, אבער דארט האט ער געהאט א אנדערע פראבלעם, ווייל פון די ערד האט ער אויך געהאט א טובה. ווען ער האט גע'הרג'ט דעם מצרי האט ער אים באהאלטן אין די ערד, ויטמנהו בחול (שמות ב-יב), און דאס האט פארדעקט אז מען האט נישט געוואוסט אז ער האט אים גע'הרג'ט, און מען האט נישט גע'הרג'ט משה רבינו, האט ער דאך געהאט א טובה פון די חול, האט ער נישט געקענט שלאגן די ערד.

**און** דאס ווייזט אויף דעם ענין, אז מען טאר נישט זיין א כפוי טובה. און דאס איז א געוואלדיגער מוסר השכל, ווייל מען רעדט נישט פון א כפוי טובה פאר א בשר ודם, און אפילו נישט פאר א בעל חי וואס האט געפילן, נאר מען רעדט פון וואסער און ערד, וואס האבן נישט קיין שום הרגשה, און פון דעסטוועגן דאך האט זיי משה רבינו נישט געשלאגן.

**עס** קען זיין א ענין, פארוואס מען געפונט אז משה רבינו האט אזוי ווייט מקפיד געווען אויף כפוי טובה. און דער אייבערשטער האט אויך אזוי געזאגט פאר משה רבינו, אז ער זאל נישט שלאגן די וואסער, און ער זאל נישט שלאגן די ערד. מען ברענגט צו פונעם **אר"י הק'** (שער הפסוקים פ' שמות), אז אדם הראשון האט כולל געווען אין זיך אלע נשמות. און ביים חטא פון אדם הראשון, זענען אלע נשמות נפגם געווארן פון דעם וואס ער האט געגעסן פונעם עץ הדעת. דער **אר"י הק'** זאגט, אז אלע נשמות וואס זענען דעמאלטס נפגם געווארן, זענען אראפגעקומען אויף די וועלט אין מערערע

גלגולים, ביז זיי זענען אנגעקומען קיין מצרים. דער ערשטער גלגול איז געווען ביים מבול, דער דור המבול איז געווען די אלע נשמות וואס האבן דעמאלטס חוטא געווען ביים עץ הדעת, און זיי זענען נאכאמאל אדורכגעפאלן דעמאלטס מיטן חטא פונעם דור המבול. נאכדעם האט זיי דער באשעפער נאכאמאל אראפגעברענגט ביי דעם דור הפלגה, און זיי זענען ווייטער אדורכגעפאלן. נאכדעם נאכאמאל ביי סדום, און שפעטער זענען זיי געווארן די נשמות פון כלל ישראל וואס זענען געווען אין מצרים, און דארט אינעם כור הברזל זענען זיי מזוכך געווארן פונעם חטא עץ הדעת, און זיי זענען געווען ראוי צו קבלת התורה.

**דער אר"י הק'** זאגט, אז ווען דעם זעהט מען, אז אין מצרים האט זיך אויך אפגעשפילט אזוי ווי עס איז געווען ביי די פריערדיגע גלגולים. ביים מבול זענען זיי אוועק אין וואסער, און דא איז אויך געווען כל הבן הילוד היאורה תשליכהו. ביי דעם דור הפלגה האט מען געבויט א מגדל מיט חומר און לבנים, די זעלבע איז געווען אין מצרים. ווייל אלעס איז געווען מכפר צו זיין אויפן חטא פון עץ הדעת.

**עס** שטייט אין **של"ה הק'** (פ' שמות), אז דער דור וואס איז געווען אין מצרים, זענען געווען די נשמות פונעם עץ הדעת. פרעה איז געווען דער גלגול פונעם נחש וואס האט צוגערעדט חוה אז זי זאל עסן פון עץ הדעת. מען זעהט אז אין נ"ך (יחזקאל כט-ג) ווערט פרעה אנגערופן התנים הגדול וגו', אשר אמר לי יאורי ואני עשיתני. פארוואס הייסט ער התנים הגדול, ווייל תנין איז א שלאנג, און ער איז געווען דער שלאנג וואס האט צוגערעדט חוה אז מען זאל עסן פונעם עץ הדעת. און דעמאלטס איז דער נחש געווען גדול, ער איז נישט געקראכען אויף די ערד, דער עונש פון על גחונך תלך (בראשית ג-יד) איז געווארן שפעטער, ווען ער איז נענש געווארן האט מען אים צוגענומען די הענט מיט די פיס, און ער גייט על גחונו, אבער בעצם איז ער א תנים הגדול, און דאס איז געווען פרעה. פרעה איז געווען דער נחש וואס האט צוגעברענגט צום חטא פון עץ הדעת, און כלל ישראל איז געווען אין גלות אין מצרים. - בתיה בת פרעה, זאגט דער **אר"י הק'**, איז געווען חוה. חוה איז מגולגל געווארן אין בתיה בת פרעה, און זי האט שפעטער מציל געווען משה רבינו. ווענן דעם האט זי געהייסען בתיה, בת-יה, זי איז געווען דער טאכטער וואס דער אייבערשטער האט באשאפן, יציר כפיו של הקב"ה.

**עס** שטייט אין **עשרה מאמרות** פונעם **רמ"ע מפאנו** (מאמר צבאות ה' ח"א פרק יג), אז די נשמה פון משה רבינו, איז געווען אין די קנה פון אדם הראשון. א מענטש האט אין די האלז א ושט מיט א קנה. דער ושט דארט גייט אריין דאס עסן, און פון דעם באקומט דער מענטש דאס חיות פארן גוף. דער קנה דאס איז דער דיבור, דער קול קומט ארויס פון די קנה, און דאס אטעמען. דארט קומט נישט אריין קיין עסן, איז די קנה די ווייניגסטע נפגם געווארן פונעם חטא פון עץ הדעת.

**אדם** הראשון האט חוטא געווען מיטן ושט, ער האט געגעסן פונעם עץ הדעת, עס איז אבער געווען א פגם ביי אדם הראשון אויך אין די קנה. נאכדעם וואס ער האט געזינדיגט, און דער רבונו של עולם פרעגט אים, דו האסט געגעסן פונעם עץ הדעת וואס איך האב געזאגט אז מען זאל נישט עסן? האט ער געזאגט, האשה אשר נתת עמדי, היא נתנה לי מן העץ ואוכל (ג-יב), זי האט מיר געגעבן, און איך האב געגעסן. וואס די עצם זאך שטייט שוין אין הייליגע ספרים, אז עס איז געווען א חלק פונעם חטא פון אדם הראשון. ווען דער באשעפער פרעגט דיר, וואס דו האסט געטון, וואלסטו געדארפט ענטפערן, רבונו של עולם, עס האט זיך מיר אנגעגלוסט צו עסן די פרי, מען האט מיר צוגערעדט. איך בין אדורכגעפאלן, איך האב געזינדיגט, און איך האב געגעסן. קודם האט ער געזוכט א תירוץ, ווי דער סדר איז צו לייגען די שולד אויף א צווייטען, איך בין נישט שולדיג, האשה אשר נתת עמדי, היא נתנה לי מן העץ ואוכל. איך בין נישט שולדיג, זי איז שולדיג, זי האט מיר געגעבן צו עסן. דו האסט מיר געגעבן די אשה,

און זי האט מיר צוגערעדט צו טון די עבירה, איך בין נישט שולדיג. די תירוץ אליין וואס אדם הראשון האט געענטפערט פארן רבונו של עולם, דאס אליין איז געווען א פגם.

**אבער** רש"י ברענגט צו נאך טיפער, ער איז געווען א כפר בטובתו של מקום. דער רבונו של עולם גיט דיר א אשה, כדי זי זאל זיין א עזר כנגדו. און ער זאגט פארן אייבערשטען, א טובה האסטו מיר געטון?! זי האט מיר געגעבן מן העץ, און איך האב געגעסן. ער האט כופר געווען אין די טובה פונעם אייבערשטען. קומט אויס, אז עס איז אויך געווען א חלק פון די חטא אין די קנה פון אדם הראשון. ער האט טאקע נישט געגעסן פונעם עץ הדעת מיט די קנה, אבער דער דיבור וואס ער האט געענטפערט נאכן עץ הדעת, וואס ער האט געזאגט פארן אייבערשטען, האשה אשר נתת עמדי היא נתנה לי מן העץ ואוכל, דער דיבור וואס ער האט צוריק געענטפערט, דאס איז געווען א כפוי טובה.

**קומט** אויס, אז משה רבינו וואס איז געווען אין די קנה פון אדם הראשון, האט ער געדארפט מתקן זיין די חלק וואס איז נפגם געווארן דעמאלטס ביי אדם הראשון, און דער חלק איז דאך געווען וואס ער איז געווען א כפוי טובה, האט משה רבינו א גאנץ לעבן געוואוסט, אז זיין שליחות אויף די וועלט איז, מתקן צו זיין, זיין חלק פון אדם הראשון. און וואס איז זיין חטא, כפוי טובה. האט משה רבינו נישט געקענט טון א זאך וואס איז פארבינדן מיט כפוי טובה. דער וואסער האט אים געהאלטן אכציג יאר צוריק, ווען ער איז געווען אינעם וואסער. ער האט עס שוין לאנג פארגעסן, א טובה וואס איינער האט געטון פארן חבר מיט אכציג יאר צוריק, לא יזכר ולא יפקד, ער זאל עס גדעדנקן. ער האט אים דעמאלטס געזאגט יישר כח, און ער האט שוין יוצא געווען ידי חובתו. און דא רעדט מען נישט פון א מענטש, מען רעדט פון א וואסער, וואס ער האט געהאט פון דעם א טובה אכציג יאר צוריק, און משה רבינו קען נישט שלאגן די וואסער. און מען רעדט יעצט נישט סתם שלאגן די וואסער, נאר כדי כלל ישראל זאל ארויסקומען פון מצרים, אויף דעם האט מען דאך געברענגט די עשר מכות, כדי מען זאל זעהן אז עס איז דא א באשעפער אויף די וועלט, און פון דעסטוועגן דאך קען נישט משה רבינו כופה זיין בטובתו של מקום, ער זאל שלאגן דעם וואסער. דאס זעלבע איז מיט די ערד, עס איז שוין אויך אדורכגעגאנגען זיבעציג יאר פון דעם ויטמנהו בחול. משה רבינו איז אלט געווען צוועלף יאר בשעת די מעשה האט פאסירט, און היינט איז ער שוין אלט אכציג יאר. זיבעציג יאר צוריק האט ער געהאט א טובה פון די ערד, האט ער נישט געקענט זיין א כפוי טובה.

*

**אין** הייליגע ספרים שטייט, אז פרעה איז יא געווען א כפוי טובה, ויקם מלך חדש אשר לא ידע את יוסף (שמות א-ח). ער האט נישט געקענט יוסף?! יוסף האט אויפגעבויט מצרים, אלע געלט וואס איז אריינגעקומען קיין מצרים, איז געקומען פון יוסף. דאס וואס מצרים איז געווארן א אימפעריע, האט יוסף געברענגט. און ווען יוסף איז געשטארבן, האט ער פארגעסן פון יוסף? דער מדרש (שמו"ר א-ח) זאגט, היום אומר, היינט זאגט ער, אשר לא ידע את יוסף, ולמחר אומר לא ידעתי את ה'. עס שטייט אין הייליגע ספרים, אז ווען א מענטש געוואוינט זיך נישט צו, מכיר טובה צו זיין פאר א צווייטען, ער איז א כפוי טובה פארן חבר, סופו ווערט ער א כפוי טובה פארן רבונו של עולם אויך. עס איז א מדה וואס א מענטש האט. דו פילסט אז דו קענסט נישט טון קיין שלעכטס פאר איינעם וואס האט דיר געטון גוטס, דער רבונו של עולם טוט אזויפיל גוטס מיט א מענטש, ווי אזוי קען א מענטש צוריק טון שלעכטס פארן אייבערשטען. און אז ער זאגט, אשר לא ידע את יוסף, ער האט נישט קיין הכרת הטוב פאר יוסף, דאס איז 'היום', היינט זאגט ער אזוי, אבער דאס האט א המשך, ולמחר אומר, מארגען וועט ער זאגן, לא ידעתי את ה', אז ער קען דעם אייבערשטען אויך נישט. דאס איז די מדה פון הכרת הטוב, וואס א יוד דארף זיך געוואוינען מכיר צו זיין פאר יענעם גוטס. ער האט דיר געטון א טובה, געדענק עס, און באצאל עס, און קיינמאל נישט צוריק טון

פאר יענעם א שלעכטס, אויף די טובה וואס מען האט געטון. דאס דארף מען זיך אראפלערנען פון פרעה און משה רבינו.

*

**עס** איז געווען נעכטן די יארצייט פונעם **מהר"ם שיק**, דער **מהר"ם שיק** האט געזאגט אז מען געפונט אז משה רבינו האט געזאגט פאר יודען, ועתה ישראל מה ה' אלקיך שואל מעמך כי אם ליראה את ה' אלקיך (דברים י-יב), און די גמרא (ברכות לג:) פרעגט, אטו יראה מילתא זוטרתא, יראה איז א קלייניגקייט?! מה ה' אלקיך שואל מעמך, וואס בעהט דער אייבערשטער פון דיר, עס איז גארנישט אזא קלייניגקייט. די גמרא (מנחות מג:) דרש'נט פון דעם פסוק נאך א לימוד, אז א מענטש דארף יעדן טאג מברך זיין מאה ברכות. ועתה ישראל מה ה' אלקיך שואל מעמך, 'מה' דאס איז 'מאה'.

**האט** דער **מהר"ם שיק** געזאגט, אז די צוויי זאכן זענען פארבינדן איינס מיטן אנדערן. ווען א יוד שטייט אויף אינדערפרי, זאגט ער די ברכת השחר, די צען צוועלף ברכות וואס מען זאגט. אויף יעדע תנועה, פון ווען ער איז אויפגעשטאנען אינדערפרי, גיט ער דערויף א עקסטרע ברכה פארן אייבערשטען. איך האב געעפענט די אויגן, פוקח עורים. איך האב געקענט אראפטרעטן פונעם בעט, מתיר אסורים. איך האב געטרעטן אויף די ערד, רוקע הארץ על המים. איך האב געהאט א רעקל אנצוטון, מלביש ערומים. און אזוי ווייטער. פארוואס, ווייל א מענטש דארף זיך געוואוינען, אז ווען ער שטייט אויף אינדערפרי זאל ער איבערטראכטען די פאר מינוט, פון ווען דו ביסט אויפגעשטאנען ביז דו קומסט אין בית המדרש, וויפיל חסד דער אייבערשטער האט דיר שוין געטון. און דו דארפסט דאנקן דעם אייבערשטען אויף יעדע זאך וואס ער האט דיר געטון. ווען א מענטש לעבט מיט דעם, ער שפירט יעדע רגע וואס ער לעבט, אז אלעס איז א חסד ה'. מה יתאונן אדם חי, דיו שהוא חי, יעדע אטעם וואס א מענטש קען אטעמען, וויפיל דארף ער דאנקען דעם אייבערשטען, אזוי ווי מען זאגט אין נשמת, אז אפילו אויף איין טובה פונעם רבונו של עולם, איז נישט גענוג אז מיר זאלן קענען דאנקן פארן באשעפער. ווען א מענטש איז מברך יעדן טאג די מאה ברכות, עס איז ביי אים 'מה' ה' אלקיך שואל מעמך כי אם ליראה, איז יראה א מילתא זוטרתא. ווייל אויב מען פילט, אז מען דארף גארנישט צוריקגעבן פארן אייבערשטען, איז עס נאר א עול וואס מען האט ארויפגעלייגט אויף אים. דא גיי נישט, דא קום נישט, דא טו נישט דאס, דאס זאלסטו נישט זעהן, דאס זאלסטו נישט הערן, דאס זאלסטו נישט רעדן. אבער ווען א מענטש פילט, אז אלעס האב איך באקומען פונעם אייבערשטען, איך האב גארנישט, אלעס בין איך שולדיג פארן אייבערשטען, פילט ער א הכרת הטוב פארן באשעפער. איז ממילא די צוויי זאכן פארבינדן, ווי מער א מענטש טוט זיך געוואוינען נישט צו זיין א כפוי טובה, און מכיר צו זיין דעם חסד ה', ווערט ביי אים דער מה ה' אלקיך שואל מעמך כי אם ליראה, א מילתא זוטרתא.

*

**עס** איז היינט (ב' שבט) די יארצייט פונעם **הייליגן רבי ר' זושא זי"ע**. די וועלט זאגט, אז אמאל האט דער **רבי ר' אלימלך זי"ע** געפרעגט דעם **רבי ר' זושא זי"ע**, ברודער מיינע, מיר זענען אלע געווען ביי אדם הראשון ווען ער האט געזינדיגט, זושא ווי אזוי האסטו צוגעלאזט אז אדם הראשון זאל עסן פונעם עץ הדעת. אזוי האט דער **רבי ר' אלימלך** געפרעגט פונעם **רבי ר' זושא**. האט אים דער **רבי ר' זושא** געזאגט, אז ער האט זייער גוט געטון אז ער האט געגעסן, איך האב אים צוגעלאזט אז ער זאל עסן, ווייל דער נחש האט דאך געזאגט, אז דער באשעפער וויל נישט מען זאל עסן, ווייל והייתם כאלקים יודעי טוב ורע, אויב מען וועט עסן פונעם עץ הדעת, וועט מען קענען זיין כביכול אזוי קלוג ווי דער אייבערשטער, און דער באשעפער וויל נישט, אז מען זאל זיין אזוי ווי ער. ווען אדם הראשון וואלט נישט געגעסן, וואלט ער דאך א גאנץ לעבן ארומגעגאנגען מיט א מחשבה, אז ער קען זיין כאלקים, מען האט אים נאר נישט

געלאזט. ענדערש זאל ער עסן, און ער זאל געוואר ווערן אז ער איז נאר א פשוטער מענטש, אפילו א עפל קען ער זיך נישט צוריקהאלטן פון עסן, ווי איידער ארומצוגיין מיט אזא מחשבה צו טראכטען, אז והייתם כאלקים, אז מען קען זיין ווי דער אייבערשטער.

## סיפורי צדיקים בסעודת מלוה מלכה ביחד עם תלמידי הישיבה

מוצאי שבת קודש פרשת וארא תשע"ג לפ"ק - שבת התוועדות בעיר לעיקוואד יצ"ו

**עס** איז היינט (ראש חודש שבט) געווען די יארצייט פונעם **מהר"ם שיק זי"ע**, ער איז געווען פון די גרעסטע תלמידים פונעם הייליגן **חתם סופר**. דער **קאשויא'ער רב**, **רבי שאול בראך זצ"ל**, איז געווען א תלמיד פונעם **מהר"ם שיק**, און עס איז דא א ספר **שאול בחיר ה'**, תולדות פון רבי שאול בראך, און דארט איז צוגעברענגט כמה ענינים וואס ער האט פארציילט פון זיין רבי דער **מהר"ם שיק**.

**רבי שאול בראך זצ"ל** האט אויך געמאכט א ספר **אבות על בנים** (על פרקי אבות), און דארט שרייבט ער די מעשה, וואס איז א מוסר השכל פאר בחורים. אז דער **מהר"ם שיק** איז סוף ימיו געווען פון די גרעסטע גדולי ישראל וואס האבן אויפגעשטעלט יודישקייט אין אונגארן. און מען האט געזאגט אויפן **מהר"ם שיק**, אז ווען ער איז געווען א יונגער בחור האט ער געהאט זייער א שוואכען קאפ, ער האט קוים תופס געווען וואס מען האט געלערנט. און ער האט אזוי פלייסיג געלערנט, אז עס איז אויסגעוואקסן פון אים אזא גדול בישראל ווי דער **מהר"ם שיק**. דער מוסר השכל דערפון איז, אז מען לערנט פלייסיג, קומט מען אן. אפילו מען האט נישט די גרעסטע כלים, און מען האט נישט די גרעסטע כשרונות, אבער פלייסיג לערנען דאס טוט אויסשארפן די קאפ, אז מען זאל קענען צוקומען און האבן א השגה אין תורה.

*

**ער** ברענגט צו אין **שאול בחיר ה'**, אז **רבי שאול בראך** האט פארציילט, אז דער **מהר"ם שיק** איז געווען אויף דער עלטער א סגי נהור, ער האט שוין נישט געזען אזוי גוט. און ער איז אמאל אריינגעקומען צו זיין רבי אין שטוב סוף ימיו. און ער האט אים געטראפן ווי ער זיצט ביים טיש און וויינט. ער האט זיך זייער געחידוש'ט, האט ער געפרעגט, פארוואס וויינט דער רבי. האט ער אים געזאגט, זעהסט דאך ווי אזוי איך קוק אויס, איך בין א סגי נהור, איך זעה שוין נישט געהעריג, איך קען שוין נישט ארייננקוקען אזוי אין א ספר און לערנען. ווען איך וואלט געוואוסט אין מיינע יונגע יארן, ווי אזוי איך קען אמאל אויסקוקען, וואלט איך אנדערש אדורכגעפירט די יונגע יארן. אזוי האט דער **מהר"ם שיק** געזאגט. שרייבט **רבי שאול בראך**, העזתי פני, און איך האב געענטפערט פארן **מהר"ם שיק**, און איך האב אים געזאגט, וואס וואלט דער רבי אנדערש געטון, ווען דער רבי וואלט דאס געוואוסט פריער? פיר און צוואנציג שעה אין א מעת לעת האט דאך דער רבי אזוי אויך געלערנט, וואס וואלט דער רבי געטון. דער רבי וואלט געלערנט פינף און צוואנציג שעה אין א מעת לעת?!

**האט** דער הייליגער **מהר"ם שיק** געזאגט, אמת, איך האב פלייסיג געלערנט, איך וואלט נישט געקענט מוסיף זיין אין התמדת התורה מער פון וויפיל איך האב געלערנט. אבער ווען איך וואלט ווען געוואוסט, אז עס קען קומען אמאל א צייט וואס מען קען נישט זעהן אינווייניג אין א ספר, און מען דארף געדענקן דאס לערנען אויסענווייניג, וואלט איך ווייניגער געלערנט, און מער גע'חזר'ט. איך וואלט זיך איינגע'חזר'ט מסכתא נאך מסכתא, כדי מען זאל געדענקן דאס לערנען, אפילו ווען מען קען נישט אמאל אריינקוקען אין די גמרא.

*

**ער** ברענגט דארט צו, עס איז מבהיל על הרעיון אז מען זאל עס קענען אפילו פארשטיין, אז עס איז אזוי געווען. אז דער **מהר"ם שיק** איז אמאל

געווען צוזאמען מיטן **כתב סופר** אינעם באד, און דער **כתב סופר** האט געדארפט האבן א טור אויף אבן העזר, ער האט געוואלט עפעס נאכקוקן אין בית יוסף. אמאל איז נישט געווען ספרים אזוי ווי היינט, עס איז נאר געווען אחד בעיר ושנים במשפחה, און עס איז געווען אין באד אינדרויסן. האט ער געשיקט א שליח וואס זאל אריבערגריין צום **מהר"ם שיק**, און אים זאגן, אז טאמער ער האט א בית יוסף אויף אבן העזר, זאל ער עס אים אריבערשיקן. האט דער **מהר"ם שיק** געפרעגט, וועלכע ענין ער דארף האבן. האט ער געזאגט, אז אין דעם און דעם סימן, און אין דעם און דעם סעיף, דארף ער עפעס נאכקוקן. האט דער **מהר"ם שיק** געזאגט, אז מען זאל צוריקקומען שפעטער נאכמיטאג צייט.

**ווען** דער הויז בחור איז צוריקגעקומען האט דער **מהר"ם שיק** אראפגעשריבן אויסענווייניג פון זכרון דעם גאנצן טור מיטן בית יוסף וואס דער **כתב סופר** האט געדארפט. ווען דער הויז בחור האט געברענגט פארן **כתב סופר** דעם געשריבענעם בית יוסף, האט דער **כתב סופר** געזאגט, איך פארשטיי נישט פארוואס דער מהר"ם שיק האט זיך געדארפט מטריח זיין און אראפשרייבן דעם עמוד בית יוסף, ער וואלט געקענט אריבערשיקן דעם בית יוסף פאר אפאר שעה, און נאכדעם וואלט איך עס צוריקגעשיקט. האט דער הויז בחור געזאגט, דער רבי זאל וויסן, אז דער מהר"ם שיק האט אויך נישט קיין בית יוסף, ער האט עס נאר אפגעשריבן דעם לשון פונעם בית יוסף פון זכרון. עס איז געווען א געוואלדיגע פלא פארן **כתב סופר**, און ער האט אהיימגענומען דאס צעטל צו זיך, און שפעטער האט ער אינדערהיים איבערגעקוקט דעם בית יוסף, און ער האט געזעהן אז ער האט מעתיק געווען אות באות, וואס דער בית יוסף האט געשריבן. - עס איז זייער שווער צו פארשטיין אז מען זאל קענען אזויפיל חזר'ן א בית יוסף. מילא א בלאט גמרא אז מען קען איבערשרייבן איז אויך א פלא, אבער על כל פנים דאס קען מען שוין דערהערן. אבער א בית יוסף אין אבן העזר זאל ער קענען איבערשרייבן. אבער אזוי איז געווען.

**רבי שאול בראך** שרייבט, אז סוף ימיו האט דער **מהר"ם שיק** שוין נישט געזעהן אזוי גוט אין די גמרא, און דער הייליגער **מהר"ם שיק** האט פארגעלערנט גמרא רש"י תוספות, מיטן לשון, אזוי ווי ער וואלט ווען געהאט א גמרא אפען. און ער שרייבט, אז די בחורים האבן געוואלט פראבירן דעם **מהר"ם שיק** צו ער מאכט זיך אז ער זעהט נישט, צו ער זעהט טאקע נישט. זענען זיי געגאנגען, און זיי האבן איבערגעדרייט די גמרא, און ער האט נישט באמערקט, און עס איז געבליבען א איבערגעדרייטע גמרא אויפן טיש, און אזוי האט ער פארגעלערנט. - עס איז פשוט ארויסצוברענגען וואס התמדת התורה קען צוברענגען, אז אפילו ווען מען האט א גוטע קאפ, און מען קען געדענקן און פארלערנען יעדע גמרא און רש"י און תוספות, איז אויך א מדריגה. און כל שכן ווען מען האט געזאגט אויף אים, אז ער האט געהאט שוואכע כלים, ווי פלייסיג האט ער געלערנט, אז ער איז צוגעקומען צו דעם.

*

**סוף** ימיו איז דער **מהר"ם שיק** נישט געזונט געווען, און דער **ייטב לב** איז אים געגאנגען באזוכן, ווען דער **ייטב לב** איז אריינגעקומען צום **מהר"ם שיק**, איז דער **מהר"ם שיק** געלעגן אין בעט, און דער **ייטב לב** האט אים געפרעגט, ווי אזוי ער שפירט זיך. האט דער **מהר"ם שיק** געזאגט, אז ער שפירט זיך נישט גוט, ער האט גרויסע יסורים. האט דער **מהר"ם שיק** געזאגט, אמת די גמרא (ברכות ה.) זאגט, אז ווען א מענטש זעהט אז ער האט יסורים, דארף ער מפשפש זיין אין זיינע מעשים. פשפש ולא מצא, יתלה בביטול תורה. האט דער **מהר"ם שיק** געזאגט, 'איך שפיר נישט ביי מיר, אז איך זאל האבן א עון פון ביטול תורה'.

**אויפן** וועג אהיים איז דער **ייטב לב** געווען זייער פארטראכט, עס האט אים אזוי איבערגענומען וואס דער **מהר"ם שיק** האט געזאגט, אז ער שפירט נישט ביי זיך א עון פון ביטול תורה. און ער רופט זיך אן צום הויז בחור, און ער זאגט אים, האסט געהערט וואס דער **מהר"ם שיק**

האט געזאגט? זאגט ער, יא. פרעגט ער, וואס האסטו געהערט? האט ער געזאגט, ער האט געזאגט, אז ער שפירט נישט ביי זיך א עון פון ביטול תורה. ווי איינער זאגט, אז דאס איז א געוואלדיגע מדריגה. זאגט אים דער **ייטב לב**, עה, דו ביסט א בטלן. זאגט ער, די גמרא זאגט, אז ווען א מענטש באקומט יסורים זאל ער מפשפש זיין אין זיינע מעשים, פשפש ולא מצא, טאמער ער טרעפט נישט, דעמאלטס זאל ער עס תולה זיין אין ביטול תורה. זאגט דער **ייטב לב**, דער **מהר"ם שיק** האלט שוין נאך 'פשפש ולא מצא', ווייל אז נישט, איז דאך דא אנדערע זאכן אויף וואס די יסורים קענען קומען. דער **מהר"ם שיק** האט שוין אדורכגעקוקט אלע זיינע מעשים, און ער האט נישט געטראפן א זאך וואס ער האט נישט גוט געטון. איי עס איז נאך דא ביטול תורה, וואס עס איז זייער שווער אז א מענטש זאל אכט געבן דערויף, אז ער זאל נישט מבטל זיין דעם ובהם יהגה יומם ולילה, און ביי דעם זאגט ער אויך, אז ער שפירט נישט ביי זיך א עון פון ביטול תורה. עס איז א געוואלדיגע מדריגה וואס דער **מהר"ם שיק** האט געהאט.

*

**עס** איז דא א ווארט, וואס דער **ייטב לב** האט דעמאלטס געזאגט פארן **מהר"ם שיק**, דער פסוק (ישעיה מ-לא) זאגט, וקוי ה' יחליפו כח. האט דער **ייטב לב** געזאגט, אז א יוד ווייסט, אז אלעס וואס ער האט, האט ער נאר פונעם אייבערשטען. און ער גיט אוועק זיינע כוחות פארן אייבערשטען'ס וועגן, טוט דער אייבערשטער געבן פון זיין כח, פאר דעם מענטש. הנותן ליעף כח. זאגט ער, וקוי ה' 'יחליפו' כח, זיי טוען זיך וועקסלען די כח. ווען דער מענטש גיט אוועק זיין כח פארן אייבערשטען, טוט דער אייבערשטער נעמען פון זיין כח, און ער גיט עס אוועק פארן מענטש.

*

**אזוי** האבן אויסגעקוקט אמאל גדולי ישראל, און קיינער ווייסט נישט, ווער צווישן אונז איז דער קומענדיגער גדול בישראל. יעדער קען אנקומען דערצו. אויב מען לערנט פלייסיג, קען יעדער צוקומען דערצו. און מען ווערט תובע זיין אמאל טאמער מען איז נישט אנגעקומען צו וואס מען האט געקענט אנקומען. מען ווערט פאדערן פונעם מענטש, פארוואס ביסטו נישט אנגעקומען צו דעם וואס דו האסט געקענט צוקומען.

**מען** זאגט נאך אויפן **נצי"ב**, אז ער האט געמאכט אמאל א סעודה ווען ער האט געענדיגט איינע פון זיינע ספרים. ווייל אלץ קינד איז נישט געווען קיין געלט אין שטוב, און עס איז נישט געווען קיין געלט אז מען זאל קענען דינגען פאר אים א מלמד, און די עלטערן האבן אלעס אוועקגעגעבן, זיי האבן צונומען א איוון אין שטוב, און גאנץ ווינטער אדורכגעלעבט אין קעלט, כדי מען זאל קענען פון דעם באצאלן, אז איינער זאל מיט אים לערנען. און ווען עס וואלט נישט געווען אזוי, און איך וואלט ארויפגעקומען אויף יענעם עולם, און מען וואלט מיר געפרעגט, וואו איז דיין ספר, פארוואס האסטו נישט געמאכט א ספר. וואלט איך געענטפערט, איך זאל מאכן א ספר?! איך בין א פשוט'ער יונגעל. יעצט זעה איך דאך אז איך האב געקענט לערנען, און איך האב געקענט מאכן א ספר, ווען איך וואלט נישט צוגעקומען דערצו, וואלט מען עס תובע געווען פון מיר.

**מען** ווערט אמאל תובע זיין, און מען ווערט פרעגן א בחור, פארוואס האסטו נישט ארויסגעגעבן א ספר אויפן קצות. ווערט ער פרעגן, איך א ספר? ווי קום איך דערצו. יא, ווען דו וואלסט געזעסן און געלערנט, און דו וואלסט אנגעקומען, וואלסטו אויך געקענט ארויסגעבן א ספר. די תביעה ווערט אמאל זיין זייער גרויס, כשיבוא הקב"ה, ויוכיח את כל אחד ואחד כפי מה שהוא (ב"ר צג-י), דער הייליגער **מהר"ם שיק** האט פלייסיג געלערנט, איז ער אויסגעוואקסען אזא גדול בישראל.

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל**